# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **כי תצא - כי תבוא** תשפ"ה ◆ עלון מס': **171**

## דברים שבלב

אויסצויגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### דער באשעפער זאגט: לי הכסף והזהב!

אין דער זעקסטער פרק פון שער הבטחון אין חובת הלבבות גייט דער רבי ארויס מיט א מלחמה קעגן די גרופע וואס ער רופט אן די 'כת הממשכנים' - די וואס זענען ממשכן דעם רבוש"ע און בעטן פון אים א משכון.

דער רבי שמועסט אויס אז מען רעדט פון די אידן וואס זאגן פאר'ן בורא כל העולמים אז אויב ער וועט מיר געבן אלעס גוטס - וועל איך מקיים זיין דיינע מצוות.

"געב מיר געלט און קינדער - וועל איך דיר דינען".

אן זיך באציען צו די נקודה אז הקב"ה איז בעצם נישט שולדיג פאר א איד גארנישט, לאזט זיך דער רבי אריין אין אויסשמועסן ווי נאריש און זינלאז דער מענטש - ווען ער בעט א דעפאזיט פון הקב"ה.

דער רבי הייבט אן מיט'ן סדר ווער נעמט א משכון פון א צווייטן.

דער סדר העולם איז אז דער רייכער נעמט א משכון פון דעם ארעמאן.

די סיבה איז ווייל דער רייכער האט מורא אז דער ארעמאן וועט נישט האבן צו באצאלן די חוב - אבער ווען מען רעדט פון הקב"ה - צו וועמען עס געהער די געלט פון די גאנצע וועלט - איז נישט שייך אזא זאך.

די גאנצע געלט פון די וועלט געהער דאך צו הקב"ה, ווי דער נביא אין חגי [ב] זאגט שוין אז הקב"ה האט געזאגט לי הכסף ולי הזהב, נאום ה' צבקות.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די אומשטענדן ווען דער נביא האט געזאגט דער פסוק, כאפט מען פון איר א מורא'דיגע התפעלות.

עס רעדט זיך אין די צייט ווען כלל ישראל איז ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל צו בויען דעם צווייטן בית המקדש. מיט א ברען און מיט א פלייס האט זיך כלל ישראל געגרייט צו בויען דער בית ה', אבער אין יענע צייטן איז די ארעמקייט געווען זייער גרויס.

א שטיין נאך א שטיין האבן זיי געלייגט, אבער זיי האבן זיך געוואונדערט ווי אזוי וועלן זיי אנקומען צו דעם? אין יענע צייט האט דער נביא געברענגט די בשורה פאר כלל ישראל אז מען דארף זיך נישט זארגן - עס וועט זיין געלט, און ווי רש"י אויפ'ן ארט זאגט **"ובידי להביא לאשר חפצתי בו"**.

אויך דער אבן עזרא אויפ'ן ארט דרוקט זיך אויס ענדליך: **"בכל מקום שלי הוא, ואני אעשה פלא לשום בלב הכל, להביא הזהב אל ביתי"**.

אויך דער רד"ק לייגט צו ענליך צו דעם: **"ביד מי שהוא, שלי הוא, וברשותי הוא לנוטלו מזה ולתתו לזה"**.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די ווערטער פון פסוק און אויך אין די ווערטער פון די מפרשים, ווערט דאס הארץ פול מיט חיזוק.

מיר ווייסן דאך אז צווישן די טויזנטער אידן וואס ליינען די שורות איז דא אסאך וואס דארפן האבן אסאך געלט.

די אידן האבן משפחות מיט קינדער, עס קומט א יום טוב, מען דארף אויסרישן די קינדער מיט קליידונג, מען דארף אנפולן די שטוב מיט כל טוב וטוב, און דאס קאסט ימ'ען פון געלט אז עס זעט אויס אוממעגליך צו קענען ערפולן.

מען שטייט און מען וואונדערט זיך, ווי אזוי וועט מען דאס באווייזן? ווי אזוי גיבט מען זיך אן עצה?

דא איז צייט ארויסצונעמען פון טאש דער פסוק "לי הכסף ולי הזהב" און זיך דערקוויקן מיט דעם און עס חזר'ן.

מען קען עס נוצן פאר אלעס אין די וועלט, פאר די מארגעדזש, פאר חתונה מאכן, פאר יעדע הוצאה, ווייל דאס איז דער אמת.

אין די צייטן פון חז"ל האט די געלט געהייסן 'זוז' - דאס איז אויך מלשון זיך 'רוקן', ווייל געלט רוקט זיך פון איינער צום צווייטן - ווייל אלעס פירט זיך מלמעלה.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל האבן שפע רב און אלעס וואס מען דארף זאל אנקומען גרינגערהייט.

(ארויסגענומען פון שיעור 261 אין שער הבטחון.)

די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4 [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### די לעזונג איז דא - מען דארף נישט זוכן ווייט!

הארט פאר די אנהייב פון די בין הזמנים טעג האב איך באקומען א טעלעפאן רוף פון די שטוב פון איינס פון די חשובע רבי'ס אין דעם היינטיגן דור.

דער שליח האט געהאט פאר מיר א פערזענליכער שליחות פון דעם רבי'ן.

דער רבי האט געוואלט אז אונזער שטאב זאל אויסארבעטן א געוויסער נוסח פון א מעסעדזש וועלכע מען זאל איבערגעבן פאר אלע בחורים פון די חסידות.

דער תוכן פון די ווערטער איז איבער דער כח פון השגחה פרטית, אז דאס איז דער קוואל און דער מקור פון שמחה און צופרידנקייט אויף דער וועלט.

בעטנדיג אז איך וויל הערן די גענויע ווערטער פון דעם רבי'ן, האט מען איבערגעגעבן די גענויע ווערטער, און כ'ציטיר זיי דא:

"אויב א איד ווייסט אז אלעס וואס גייט אריבער אויף אים אין דער וועלט איז מיט א 'השגחה פרטית' פאר אים און נישט נאר איז עס השגחה פרטית - נאר עס איז אויך לטובה - פאר די בעסטע גוטס פון אים - וועט דער מענטש זיין א גליקליכער און א צופרידענער מענטש, א שבע רצון".

די ווערטער האבן מיר זייער באנומען.

דאס איז וואס מיר טוען שוין לאנגע יארן אין אונזערע גליונות און אין די האטליניע, מיר חזר'ן די נקודה, אז אלעס וואס געשעט אויף די וועלט פירט זיך בהשגחה פרטית מיט יעדן איינעם.

מיר לעבן אין א וועלט וואו יעדער דארשט פאר אביסל שמחה, פאר אביסל ישוב הדעת.

מען זוכט און מען זוכט, אבער מען פארגעסט אז דער שליסל צו אלעס איז ביי אונז אין די הענט - מיט אביסל אמונה ובטחון האט מען עס.

נאך אמאל אמונה, נאך אמאל בטחון - דאס איז די רפואה פאר אלעס אין די וועלט.

מען האלט מיר אין איין פרעגן פארוואס רעד איך אגאנצער צייט פון די זעלבע זאך? יעדער מאגאזין, יעדער גליון רעדט פון די זעלבע זאך.

"טויש שוין אמאל די נושא", זאגן אידן.

מיין ענטפער צו זיי איז מיט א משל:

משל למה הדבר דומה, צו א איד וואס האט געהאט איין איינציגסטער ברודער, דער ברודער האט ער ליב געהאט אהבת נפש.

ביום מן הימים האט זיך ליידער געטראפן אז דער ברודער איז קראנק געווארן און זיין לעבן איז אין א שווערע סכנה.

דער געזונטער ברודער דרייט איבער דער וועלט. ער רעדט צו דאקטורים, צו עסקנים, ער פארשט אויף א רפואה.

נאך אסאך פארשן טרעפט ער אויס אז עס איז דא א וואונדערליכע רפואה אין דער וועלט. ער ברענגט די רפואה פאר'ן ברודער, אבער זיין ברודער וויל עס נישט נעמען.

"דו קענסט זיך ראטעווען דיין לעבן מיט דעם".

אבער דער ברודער וויל נישט הערן פון דעם.

צי דענקט איר אז דער געזונטער ברודער וועט זיצן מיט פארלייגטע הענט? ער וועט איבערדרייען די וועלט ביז ווען זיין ברודער וועט נעמען די רפואה.

אויך אויב ער האט שוין גערעדט מיט אים צוואנציג מאל דערוועגן, וועט ער רעדן אן איין און צוואנציגסטער מאל - ווייל ער וויל אז זיין ברודער זאל ווערן אויסגעהיילט.

אויך מיר, זענען אין די זעלבע סיטואציע, מיר זען די לעזונג פאר אלע צרות, די רפואה פאר אלע שוועריגקייטן, מיר זען די אמונה אלץ קוואל פון ישועות און מיר בעטן זיך צו אייך - נעמט עס! ווייל דאס איז אייער שליסל צו א בעסערע לעבן.

פארבינדט אייך מיט אונזער האטליניע! פראבירט אונז אויס און איר וועט זוכה זיין צו א גליקליכע און א זיסע לעבן!

**גוט שבת**
**פינחס שפר**

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28

פון אוסטרליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633

• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## די מאשין ווארט מיט געדולד

**עס דערציילט א בני ברק'ער איד:**

עס איז געווען פרייטאג נאכטמיטאג, ממש א שעה פאר שבת, ווען עס קלינגט מיר אריין מיין מומע, אן אלמנה און זי בעט מיר אז איך זאל ברחמים קומען צוגיין צו איר אין שטוב.

וואס גייט פאָר? האב איך געוואלט וויסן.

"די עלעקטעריציטעט האט געקראכט. קיין שום זאך ארבעט נישט. נישט די עירקאנדישן, די שבת פלאַטע, גארנישט."

זי האט זיך געבעטן בתחנונים אז איך זאל קומען צוגיין און זען וואס כ'קען טון.

איך האב איר אויסגעפרעגט אביסל וואס גייט פאר. איך בין אביסל באקאנט אין די זאכן. נאכ'ן הערן וואס עס גייט פאר האב איך פארשטאנען אז די פראבלעם ליגט אין איין געוויסער טייל פון די עלעקטעריציטעט.

הערנדיג פון וואס עס רעדט זיך האב איך איר בארואיגט, זאגנדיג אז זי האט זיך נישט וואס צו זארגן, ווייל איך האב פונקט אזא חלק ביי מיר אין שטוב.

אין בני ברק איז הייס, איך בין שוין געווען אנגעטון אין בגדי שבת, איך האב אויפגעזוכט די סארט טייל אין די שטוב ביז ווען איך האב עס געטראפן און מיט דעם בין איך אריבערגעלאפן צו איר אין שטוב. עס איז שוין געווען שפעט. גלייך נאכ'ן אנקומען האב איך זיך גענומען טון צו די זאך. עס האט געדויערט עטליכע מינוט ביז ווען איך האב מצליח געווען צו פאררעכטן די פעלער און עס איז מקויים געווארן דער 'ויהי אור' - עס איז געווארן לעכטיג אין שטוב.

טראכטנדיג אזוי פון די געשעעניש און וואס עס האט פאסירט, האב איך זיך געוואונדערט פארוואס עס האט זיך אזוי געפירט און דער ענטפער דערויף האב איך באקומען אום מוצאי שבת.

מוצאי שבת האט די לעקטער געקראכט ביי מיר אין שטוב, די נאסקייט און די פייכטקייט אין בני ברק האט גורם געווען אז די עלעקטריציטעט זאל אריינציען אין איר פאסך פייכטקייט און די סיסטעם האט געקראכט.

יעצט האב איך געזען די מידה כנגד מידה - ווי אזוי מען האט פון הימל צוגעפירט אז כ'זאל זיך אפגעבן מיט יענעם און פארשפארן פון מיר עגמת נפש.

די מאשין איז שוין געווען קאליע פאר שבת, אבער עס האט געווארט אויף מוצאי שבת צו קראכן, איך האב זיך געשפארט די עגמת נפש - ווייל איך האב געטון פאר א צווייטן.

## צוריקבאקומען דאס געלט אויך ביי א לפנים משורת הדין

נאכ'ן דאווענען בין איך ארויסגעגאנגען פון די שול וואו כ'דאווען יעדן טאג.

איך קוק אראפ אויף די ערד און זע דארט - פאר מיר ליגט 200$.

עס איז געווען צוויי באַנקנאָטן (שטרות), איינס איז געווען א נייע, די צווייטע איז געווען אן אלטע.

איך האב זיי אויפגעהויבן און אנגעהויבן גיין דערמיט טראכטנדיג וואס כ'דארף טון מיט דעם - צי מען דארף עס אויסרופן צי נישט.

איך האב געפרעגט א שאלה פון א מורה הוראה. ער האט גע'פסק'נט אז געלט האט נישט קיין סימן און על פי הלכה איז עס מיין

## די אבידה האט געווארט אויפ'ן ערד

עס דערציילט א איד וואס וואוינט אין צפון טייל ארץ ישראל:

איך בין איינגעשטעלט אין א פאבריק וועלכע איז קווארטירט אין צפון טייל ארץ ישראל. אין א טאג קומט צו מיר צו דער אייגענטומער פון די פאבריק און ער בעט מיר צי איך קען טון פאר זיינעטוועגן אפטראגן פאר איינעם אן ענוועלאפ מיט געלט.

"עס איז א חלק פון מיין ארבעט אויסצופירן שליחות'ער פאר מיין בעל הבית", האב איך געזאגט פאר'ן בעל הבית און זיך אריינגעזעצט אין א קאר און זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג אויסצופירן די שליחות פון דער אייגענטומער.

די שליחות איז געווען אן ענוועלאפ וועלכע האט פארמאגט אין איר די סומע פון $1500 קעש געלט.

פארנדיג מיט די קאר האב איך אינמיטן געזען ווי די געז לאזט זיך אויס, איך האב זיך אפגעשטעלט אין די גאז סטאנציע און אנגעפולט מיין קאר מיט געז און ממשיך געווען מיט די נסיעה.

עס איז געווען א רעגנדיגע טאג, אלעס איז געווען טונקעלער און נאסער, אבער איך בין געפארן אויסצופירן די שליחות.

אזוי פארנדיג האב איך געטאפט מיין טאש, צו מיין שרעק האב איך נישט געטראפן די ענוועלאפ.

וואו איז עס? איך האב אנגעהויבן באטאפן מיינע טאשן, אבער דער ענוועלאפ איז נישט דא.

איך בין כמעט געווארן פארלוירן אבער איך האב זיך געשטארקט אז אלעס וואס געשעט איז רצון ה'. איך האב אהיימגעקלינגען צו מיר אין שטוב און געבעטן אז מיינע קינדער זאלן דאווענען פאר מיר.

נאכ'ן טון די אקט און צולייגנדיג מיינע אייגענע תפילות האב איך אנגעהויבן איבערטראכטן וואו עס קען זיין. איך האב באשלאסן אז איך גיי צוריקפארן צו די גאז סטאנציע און זען צי עס איז דארט.

איך בין צוריקגעפארן די וועג און אומגלויבליך, אויף די זעלבע ארט וואו איך בין פריער געווען איז עס געלעגן אויסגעלייגט אויף די ערד, די ענוועלאפ איז געווען נאס פון רעגן, אבער די סומע איז געווען גאנץ.

איך האב געשפערט מיט א קלארקייט, אז דאס איז געבינדן מיט די אמונה וואס איך האב געהאט אז אלעס פירט זיך פון אויבן.

## מיט אזא 'אשר יצר ברכה' דארף מען נישט קיין דאקטורים

יענער צופרי האב איך זיך אויפגעוועקט מיט שטארקע האלדז ווייטאג. איך האב געהאפט אז עס אן איבערגאנג, אז עס וועט אוועקגיין שנעל, אבער ווען עס איז אריבער א שטיק צייט און זיי זענען נישט אריבער, האב איך באשלאסן אז כ'גיי גיין צו א דאקטער.

ביים דאקטער האב איך באגעגנט א לענגערע רייע פון פאציענטן, יעדער האט געווארט מיט זיין זאך.

ביני לביני איז מיר אויסגעקומען צו מאכן די ברכה 'אשר יצר'.

א איד וואס איז געזעצן דארט און זעענדיג ווי כ'מאך די ברכה זאגט מיר אז איך קען אהיימגיין, איך בין געזונט און שטארק.

"פון וואו ווייסט עס מיט אזא שטארקייט?"

איך האב געזען ווי אזוי דו האסט געמאכט די ברכה, איינער וואס מאכט אזא ברכה, דארף נישט קיין דאקטער.

איך האב אבער א' ממשיך געווען צו ווארטן, ענדליך איז אנגעקומען מיין רייע, איך בין אריין צום דאקטאר. ער האט מיר אונטערזוכט און געזאגט אז איך בין געזונט און שטארק.

"לגבי די ווייטאג, וועל איך דיר געבן זאכן וואס וועלן פארגרינגערן דיין ווייטאג", האט ער מיר געזאגט.

זייענדיג ערמוטיגט פון דעם איד'ס ווערטער, האב איך באשלאסן אז כ'גיי זיי נישט נעמען, איך וועל ווארטן צו זען ווי אזוי זאכן קאכן זיך אויס.

איך האב געווארט עטליכע טעג און ברוך ה' אז די ווייטאג איז אריבער כאילו לא היה.

אז מ'מאכט ערליך 'אשר יצר' דארף מען נישט קיין דאקטאר.

## מפיציםאמונה ומחיים נפשות

איך וויל דא אויסדרוקן מיין טיפער דאנק פאר די האטליניע פון 'השגחה פרטית' און אויך פאר די הערליכע און באלערנדע גליונות. פון ווען די האטליניע האט זיך געגרינדעט בין איך א שטענדיגער אויסהערער פון די שיעורים. די שיעורים געבט מיר כח און חיות צו קענען אנגיין אין מיין לעבן. אלע שיעורים זענען מלא וגדוש מיט אינהאלט, אבער ביתר שאת דערקוויק איך זיך מיט הר"ר דוד קלעצקין שליט"א. ווי יעדער איד, וועלכע האט זיך זיין נסיון, האט די השגחה עליונה געפירט אז כ'מוטשע זיך מיט מיט שידוכים פאר מיינע קינדער. איך האב עטליכע קינדער וואס האבן חתונה געהאט ביי די דרייסיג יאר. היינט, ברוך ה', זענען שוין כמעט אלע חתונה געהאט, אבער בשעתו, איז עס געווען א שווערע פארמעסט און איך האב געשעפט אסאך חיזוק פון די האטליניע איבער די נושא. ר' דוד פלעגט אסאך ארומרעדן דערוועגן און עס איז מיר געווען כמים קרים על נפש עייפה, א דאנק פאר אייך.

## מפיצים אמונה ורואים ישועות

מיר האבן איינגעשריבן מיין זון אין א געוויסע ישיבה גדולה מיט דער האפענונג אז מען וועט אים אננעמען דארט. מיר האבן געמיינט אז עס וועט גיין איינס, צוויי, אבער עס האט זיך היבש געשלעפט, מיר האבן נישט געוואוסט וואו מיר שטיין, צי מען גייט אים אננעמען אדער נישט. זעענדיג אז עס ווערט שפעט און דער ענטפער איז נאך אלץ נישט דא, האבן מיר זיך אונטערגענומען צו געבן געלט פאר די הפצה פון די אמונה. יענער טאג וואס מיר האבן תורם געווען האבן מיר באקומען א תשובה אז אונזער זון איז נתקבל געווארן צו די ישיבה.

# א דירה קויפט מען מיט אמונה!

מיט אביסל מער ווי צען יאר צוריק האב איך באשלאסן אז כ׳גיי זיך באזעצן אין ארץ ישראל.
ארגינעל בין איך אן אויסלענדער, אבער נאך דעם וואס איך האב עטליכע מאל באזוכט אין ארץ ישראל האב איך באשלאסן אז דא וויל איך וואוינען.
איך האב געדינגען א דירה פון א רייכער איד אין אויסלאנד. די דירה איז ווערד אסאך מער אבער דער איד האט זיך גערעכענט מיט מיר און מיר געבעטן א שפאט ביליגע פרייז קעגן די אלגעמיינע פרייזן אין די מארקעט.
איך האב עס געשעצט וויסנדיג אז איך צאל רעלאטיוו א ביליגע פרייז פאר די דירה, אינדערצייט וואס אנדערע צאלן אסאך מער פאר אזא דירה.
איך האב אויך געדאנקט הקב״ה אז די דירה איז מיר צום הארצן, עס האט אלעס וואס כ׳דארף, די געגענט איז מיר פאסיג, די גרויס איז צוגעפאסט, אז בעסער׳ס ווי דעם קען איך נישט טרעפן.
מיין צופרידנקייט האט אנגעהאלטן לאנגע יארן, ביז איין טאג האב איך דערהאלטן א טעלעפאן קאלל פון א זון פון די דירה אייגענטומער.
דער איד האט זיך פארגעשטעלט פאר מיר און נאך א קורצע ווערטער אויסטויש זאגט מיר דער איד אז זיין שוועסטער האט בקרוב חתונה קיין ירושלים און זי וויל די דירה.
"האסט צייט ביז דעמאלטס, אבער מאך זיך גרייט".
הערנדיג די ווערטער איז מיר שלעכט געווארן. איך האב געמיינט כ׳גיי חלש׳ן אויפ׳ן ארט.
דא, בין איך שוין מסודר מיט א דירה, איך לעב זיך דא באקוועם, און פלוצלונג דארף מען פאקן פעק און פארלאזן אלעס.
איך בין שוין לאנגע יארן געבינדן מיט דער ׳חובת הלבבות׳, און יעצט איז געקומען די צייט אז כ׳זאל עס נוצן. איך האב זיך אנגעהויבן שטארקן אין איר, גלייבנדיג אז אלעס פירט זיך מן השמים לטובה.
איך האב זיך געשטארקט, אבער דאך האב איך גע׳דאגה׳ט. איך האב זיך אונטערגענומען צו לערנען מער אמונה און בטחון, און בעטן ביי הקב״ה ער זאל העלפן מיט מיין פלאנטער.
נאר נאכ׳ן זיך שטארקן האב איך מיטגעטיילט מיין בני בית מיט די ענטוויקלונג. זי, זעענדיג מיין רואיגקייט, האט עס גענומען לייכטער, און אינאיינעם האט מען אנגעהויבן טראכטן וואס מען גייט טון.
איך לערן אין א כולל. קומענדיג אין כולל האב איך גלערנט מיט מיין חברותא, איך האב זיך געשטארקט, אבער ער האט באמערקט אז עפעס גייט פאר מיט מיר.
ווען איך האב אים דערציילט וואס עס דרוקט מיר רופט ער זיך אן צו מיר: "פארוואס טאקע זאלסטו זיך נישט קויפן אן אייגענע דירה? עס איז שוין געקומען די צייט פאר דעם".
אין אנהייב האב איך איגנארירט וואס ער האט געזאגט, אבער ענדע האט עס אנגעהויבן ארייננקריכן אין מיין קאפ.
פארוואס טאקע נישט? געלט איז געווען א שטארקע אפהאלט, אבער איך האב זיך דערמאנט אז מיט עטליכע יאר פריער האט מיר א נאנטער ידיד אנגעטראגן אז ער קען מיר פארבארגן גרויס געלט מיט גוטע באדינגען אין פאל אז איך וויל קויפן א דירה.
איך האב באשלאסן אז איך גיי פראבירן מיין מזל. איך האב זיך פארבינדן צו דעם איד און נאכ׳ן זאגן ווער כ׳בין און די צוועק פון מיין קאלל, האט ער מיר ענטפאנגען זייער ווארעם.
ער האט געדענקט זיין אפפער און פארשפראכן אז ער גייט זיך צושטעלן צו מיר, ער האט מיר פארגעשלאגן א שיינע הלוואה מיט גוטע באדינגען.
בשעה טובה האב איך געקויפט א הויז אין ירושלים און זיך באזעצט אין איר.
ענדע האט זיך ארויסגעשטעלט אז די טאכטער פון דעם איד האט זיך נישט באזעצט אין ירושלים נאר אין אויסלאנד. זיי האבן נישט געדארפט די דירה, די בהלה איז געווען אומזיסט.
עס איז געווען אומזיסט אבער מיט׳ן ציל אז איך זאל זיך קויפן א דירה.
איך האב געזען מיט א קלארקייט אז עס איז מיר געווען באשערט צו קויפן א דירה אין ירושלים, און יענער איז געווען דער שליח פאר דעם.

געלט.
איך האב עס אריינגעלייגט אין מיין טאש, איך האב עס נאכנישט געוואלט נוצן, עס איז טאקע א כשר׳ע מציאה, עס איז דא די הלכה, אבער עס איז דא דער ׳לפנים משורת הדין׳.
נעקסטער טאג גייענדיג אין שול זעה איך אז עס הענגט דארט א צעטיל.
דער איד דערציילט אז ער האט דא פארלוירן געלט און ער פרעגט צי איינער האט עס געטראפן.
אונטן ביים צעטיל איז געשטאנען א טעלעפאן נומער וואו מען קען אריינקלינגען אפצוגעבן די אבידה. איך האב זיך פארבינדן מיט דעם פארלירער און געפרעגט וויפיל געלט איז געווען די אבידה.
"צוויי הונדערט דאלער".
זעענדיג אז זאכן שטימען, האב איך געפרעגט דער מורה הוראה צי עס איז דא אן ענין צוגיין ׳לפנים משורת הדין׳.
"זיכער אז יא, אויב דו קענסט איז בעסער אז יא".
איך האב צוריקגעקלינגען דעם נומער און זיי געזאגט אז איך האב געטראפן דאס געלט.
זיי זענען געקומען נעמען דאס געלט, איך האב זיך געפרייט אז איך קען מקיים זיין א דין ׳לפנים משורת הדין׳.
עטליכע מינוט איז אריבער. א איד קומט צו מיר און זאגט מיר אז ער ווייסט אז איך האלט יעצט אינמיטן חתונה מאכן מיינע קינדער און עס גייט מיר שווער, ער האט ביי זיך ׳צדקה געלט׳.
ער האט מיר געגעבן א סומע, ווען ער איז אוועק פון מיר, האב איך געעפענט די הענט, עס איז געווען די סומע פון 200$.
איך האב געזען בחוש אז עס איז א סומע פאר א סומע.

# פרנסה פאר יעדער איד אין די וועלט

אין א טאג שטיי איך אין די לאקאלע גראסערי וואו כ׳קויף איין מיינע טעגליכע פראדוקטן.
נאכ׳ן איינזאמלען אלע מיינע פראדוקטן וואס כ׳האב געדארפט צו האבן בין איך אריבער צו די קעשיער און זיך געגרייט צו באצאלן.
ביני לביני, אזוי שטיינדיג ביי די קעשיער איז אריינגעקומען א קליענט און ער פרעגט דער גראסערי אייגענטומער צי ער נויטיגט זיך אפשר אין מאסקעס - פון די סארט וואס זענען געווען גאנגבאר אין די קאראאנע עפאכע.
איך בין געווען זיכער אז דער געשעפטסמאן וועט זאגן ניין, אבער ער האט מסכים געווען.
"וויפיל ווילסטו פאר זיי"? האט דער געשעפטסמאן געוואלט וויסן.
דער איד האט געזאגט א סומע און דער געשעפטסמאן האט עס אפגעקויפט פון אים.
איך האב זיך געוואונדערט וואס גייט ער טון מיט דעם.
פרעגנדיג דער גראסערי מאן וואס ער גייט טון מיט דעם, האט ער מיר געזאגט אז ער ווייסט אויך נישט, און אז ער האט עס געקויפט בלויז ווייל דער איד איז א גוטער קליענט.
די געשעעניש איז געווען אין די צייט ווען די קריג צווישן ארץ ישראל און איראן האט געפלאקערט.
עס איז אריבער אפאר מינוט, עס קומט אריין א איד און פרעגט דער גראסערי אייגענטומער צי ער האט אפשר מאסקעס?
יא, איך האב.
דער געשעפטסמאן האט אויסגעשטרעקט זיין האנט און אים פארקויפט די פעקלעך.
איך בין געשטאנען און געשטוינט פון וואס איך האב צוגעזען.
פרעגנדיג דער איד וואס איז דער באדייט און צו וואס דארף ער מאסקעס? זאגט ער מיר אז ער ארבעט ביי די ערטער וואו געביידעס זענען איינגעפאלן און עס דא דארט אסאך שטויב.
איך דארף די מאסקעס פאר די שטויב.
איך בין געשטאנען און געשטוינט צו זען ווי אזוי הקב״ה פירט זיך זיין וועלטל און געבט פרנסה פאר יעדן איד אין זיין אייגענער וועג.

## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל׳ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.
מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.
אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט
פארבינדט זיך מיט אונז
אויפ׳ן נומער - 9722-6-313-742


## נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה״ק
צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים
**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300** |דריקט 6

| **העברה לבנק לאומי** | **משלוח בדואר** | **בעמדות נדרים פלוס** |
|---|---|---|
| בנק 10 \|סניף 902 \| חשבון 57390056 | לת.ד. 5475 ירושלים | ע״ש השגחה פרטית |

# לשונם הזהב

השגחה פרטית בספרים הקדושים

## אז מען פארלאזט זיך נישט אויף די אייגענע מעלות נאר אויף הקב"ה - איז מען זוכה צו ברכת ה'

הבוטח בקדוש ברוך הוא ומסלק בטחונו מאלו הדברים שאמרתי [חכמה, גבורה, עושר וקרובים], לא די לו שיעשה הקדוש ברוך הוא רצונו ועומד בברכה, אלא חונן אותו אלו הארבעה דברים שאמרתי. כיצד? אם אינו חכם, הקדוש ברוך הוא מחכים אותו, שנאמר: "אני ה' אלוקיך מלמדך להועיל מדריכך בדרך תלך". אם אינו גיבור, הקדוש ברוך הוא מחזיק בידו ומאמץ את לבבו, שנאמר: "וגיברתי את בית יהודה ואת בית יוסף אושיע", וכתיב "ואני הנה נתתיך היום לעיר מבצר ולעמוד ברזל ולחומות נחושת על כל הארץ", וכתיב "ונלחמו אליך ולא יוכלו לך כי אתך אני נאם ה' להצילך", וכתיב "אל תירא מהם ומדבריהם אל תירא", וכתיב "כשמיר חזק מצור נתתי מצחך לא תירא אותם ולא תחת מפניהם", וכתיב "וזכרת את ה' אלוקיך כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל". אם אינו עשיר, הקדוש ברוך הוא מעשירו, שנאמר: "ה' מוריש ומעשיר משפיל אף מרומם", וכתיב "מקים מעפר דל מאשפות ירים אביון להושיב עם נדיבים וכסא כבוד ינחילם", וכתיב "שמעו שמוע אלי ואכלו טוב ותתענג בדשן נפשכם". ואם הוא בארץ אחרת מובדל מקרוביו, הקדוש ברוך הוא מקרב אותו, שנאמר: "שאי סביב עיניך וראי כולם נקבצו באו לך בניך מרחוק יבואו ובנותיך על צד תאמנה".

(מנורת המאור לרבי ישראל אנקווה, פרק יד)

## דער וואס פארלאזט זיך אויף הקב"ה איז אים הקב"ה מציל פון אלעס שלעכטס

דער מדרש זאגט: דוד המלך זאגט אין תהלים: **בך ה' חסיתי** אין דיר באשעפער האב איך זיך פארלאזט און וועגן דעם בעט כ'דיר **אל אבושה לעולם** פארשעם מיר קיינמאל נישט. שטייט אין פסוק **בצדקתך פלטני (תהלים לא, ב). זה שאמר הכתוב (ישעיהו נ, י): "מי בכם ירא ה' שומע בקול עבדו** אשר הלך חשכים ואין נגה לו [אויך ווען א צרה באטרעפט אים] יבטח בשם ה' וישען באלקיו".

דער מדרש איז ממשיך: **בשעה שישראל נכנסין לבתי כנסיות ואומרים לפני הקב"ה "גאול אותנו", אומר להם** הקב"ה: **יש צדיקים ביניכם ויראי שמים? והם אומרים: לשעבר, בימי אבותינו, בימי משה ואהרן, בימי שאול דוד ושלמה, היו בהם צדיקים. אבל עכשיו, מפני עוונותינו נאספו ממנו, שנאמר (ישעיהו נז, א): "מפני הרעה נאסף הצדיק", ואומר (תהלים יב, ב) "כי פסו אמונים מבני אדם", ואין לנו על מי להשען. כי כל מה שאנו הולכים לפנים** ווייל וואס טיפער מיר גייען אריין אין גלות **היא מחשכת לנו** ווערט אונז מער און מער טונקל אין די אויגן **"אשר הלך חשכים".**

ענטפערט זיי הקב"ה: **אומר להם הקב"ה: בטחו בשמי והוא עומד עליכם** - פארלאזט זיך אויף מיר און די בטחון וועט ענקביישטיין און ענק מציל זיין פון אלע צרות און ענק ארויסנעמען פון גלות **שנאמר: "יבטח בשם ה'", ולמה? שכל מי שבוטח בשמי, אני מצילו.**

**תדע לך, שכן חנניה מישאל ועזריה בטחו בשמי והצלתי אותם, שכן נבוכדנאצר אומר להם (דניאל ג, כח) בריך אלההון די** (געלויבט איז דער באשעפער) **שדרך מישך ועבד נגו** (וואס האט מציל געווען חנניה מישאל ועזריה) **די שלח מלאכה** (וואס האט געשיקט זיינע מלאכים) **ושיזב לעבדוהי די התרחצו עלוהי** (און זיי האבן מציל געווען די קנעכט וואס האבן זיך פארלאזט אויף אים). **וכן דניאל בשביל שבטח בי מילטתיו מן הבור** (אויך דניאל וואס האט זיך פארלאזט אויף מיר - האב איך מציל געווען פון לייבן גרוב), **שנאמר (דניאל ו, כד): "והוסק דניאל מן גובא** (מען האט ארויפגענומען דניאל פון גרוב)", **ולמה? "די הימן באלהיה** (ווייל ער האט געגלייבט אין הקב"ה)".

**אמר דוד, הואיל וכך הוא הבטחון, שכל הבוטח בך אתה מצילו, בך אני בוטח.**

(מדרש תהילים לא)

## אז עס איז דא א ברכה מבית ה' האט מען אלע ברכות אויף די וועלט

כשמתחזק האדם במידת הבטחון, בוודאי באה ברכה לתוך ביתו, וכדכתיב "ברוך הגבר אשר יבטח בה'". ועל כן כעת כאשר מתרבה כמה עניני מצוקות בעולם, אשר כמעט אין לנו שום מקור לפרנסה על פי דרך הטבע, אין לנו רק לחסות בשם ה'. והיפלא מה' דבר להושיענו? ובוודאי על ידי שנחסה בו ישלח לנו ברכתו ממעון קודשו. וכן רמז לנו הנביא, שכן יהיה בסוף ימי גלותנו, שנאמר "והשארתי בקרבך עם עני ודל (רוצה לומר, עם שהוא מעונה, וגם עני ודל) וחסו בשם ה'", ולא פירש לנו הנביא פה מה יהיה כשנחסה בשם ה', ונתפרש במקום אחר, שנאמר "ברוך הבא בשם ה' ברכנוכם מבית ה'", ורוצה לומר, שעל ידי שבא בשם ה' יבוא עליו ברכה מבית ה', ששם מקור כל הברכות והשפעות.

(שם עולם לחפץ חיים, נפוצות ישראל פרק ח')

## אן אייביגע השגחה

הנשען והבוטח בשם ה' הוא נשמר מכל רע ומכל נזק, כי ההשגחה עליו תמיד, כעניין שנאמר "הנה עין ה' אל יראיו למיחלים לחסדו". וזהו מצד האמת והצדק, לפי שהבוטח בה' יתי' יהא נשמר מכל רע ויהיה ה' יתי' משגיח בו תמיד, שכשאדם מניח כל עניניו להי' יתי' ומשליך עליו כל עסקיו, נמצא שתהיה נפשו דבקה תמיד וקשורה בה' יתי', גם ה' יתי' יהיה דבק עמו ומשגיח עליו, ואז יהיו כל עסקיו ועייניו נעשים על ידי ה' יתי'.

(תורת המנחה לרבי יעקב סקלי תלמיד הרשב"א, פרק יד)

# א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד

### חודש אלול - א חודש פון התקרבות לה' אבער מיט שמחה

אין די טעג גייט כלל ישראל אריין אין דער הייליגער חודש פון תשובה - דער חודש פון אלול.

אין דעם חודש וועט יעדער איד פראבירן צו זיין בעסער, צו פארבעסערן זיין התנהגות, זיינע מידות, זיין התמדה בתורה, זיין עבודת ה', אבער עס איז וויכטיג אז אלעס וואס מען טוט אין דעם חודש זאל געמאכט ווערן מיט שמחה.

אסאך מענטשן פארשטייען נישט ווי אזוי דיביידע זאכן גייען צוזאמען? זיי זען א שטיקל סתירה צווישן זיין בשמחה און צו תיקון המעשים.

אבער די שאלה פרעגט מען נאר ווייל מען האט נישט ריכטיג ארויס די מהות פון די געהויבענע טעג.

דער משגיח ר' נתן וואכטפויגל זצ"ל פלעגט אייביג זאגן אז דער תפקיד פון א איד אין אלול איז נישט זיך צו אפצוגעבן מיט די עבירות און מיט די דורכפעלער וואס מען האט געהאט אגאנץ יאר - דער עיקר עבודה איז עוסק צו זיין אין קרבת ה' - צו זוכן ווי אזוי מען קען ווערן נענטער צו השי"ת אין די טעג.

דער רמב"ם [הלכות תשובה פרק ג' ד'] שרייבט אז די עבודה פון תקיעת שופר איז אז מיר זאלן זיך דערוועקן און נתעורר ווערן צו עבודת ה' און געדענקען פארוואס מיר זענען דא אויף די וועלט - ווער איז אונזער בורא.

אויך אין מזמור "לדוד ה' אורי וישעי" וואס מען זאגט אום חודש אלול, איז דא די בחינה.

מען בעט אויף קירבת ה', מען בעט, **לך אמר לבי, בקשו פני, את פניך ה' אבקש, אל תסתר פניך ממני.**

עס איז זיכער אז מען דארף אויך עוסק זיין אין תשובה און אין חשבון הנפש, אבער דאס איז נישט די עיקר.

דער עיקר איז התקרבות לה', צו ווערן נענטער צו הקב"ה, ווי דער הייליגער מבי"ט דרוקט זיך אויס אין זיין ספר בית אלקים [שער התשובה פרק א'] וזה לשונו: "חקרנו על גדר התשובה ומצאנוהו נכון ושלם, והיא **קרבה להשם מריחוק החטא".**

דער זעלבער געדאנק ווערט אויך געברענגט אין ספר לקט שיחות מוסר מהגרי"א שעהר זצ"ל [חלק ב' עמוד קי"ב] וזה לשונו: "שאין היסוד העיקרי הקבלות שמקבלים בימי התשובה, אם לא נחזק את היסוד והשורש להם. ומהו הכלל העיקרי? **וצדיק באמונתו יחיה. חסרה לנו אמונה מורגשת בחיי היום יום מתוך שמחה על אשר יש לנו אב בשמיים, החפץ בטובתנו לקיים אותנו באושר נצחי, ומתוך כך לבא לידי אהבה ודבקות בה', ולידי יראה ובטחון בה'.** לבל לירא מבר אנוש ולבטוח בבן אדם שאין לו תשועה".

זאל הקב"ה העלפן אז אין די ימי הרחמים והרצון זאל מען זוכה זיין צו קרבת אלוקים און שפירן די בחינה פון 'קרבת אלוקים לי טוב'.

מען זאל עס שפירן מתוך שמחה, מתוך אמונה, מתוך שלוות הנפש.




קלינג אריין
שפיר דעם טעם.

צענדליגע טויזנטע אידן פון די גאנצע וועלט **לעבן א בעסערע און א געשמאקערע לעבן** אדאנק די השגחה פרטית ליניע

**זיי דן אויך פון די גליקליכע - מאך דעם טעלעפאן קאלל** און הייב אן לעבן א רואיגערע און בא'טעמ'טע לעבן פול מיט מנוחת הנפש און ישוב הדעת

**פון ארץ ישראל**
+972-30-11-300,
**פון ארה"ב**
151-86-130-140,
**פון אנגליה**
0-330-3900-489,
**פון בלגיה**
0-380-844-28,
**פון ארגנטינה**
398-840-31,
**פון דרום אפריקה**
8755-18-521,
**פון אוקראינה**
380-947-100-633